Opłąta pocztowa uiszczona ryczałtem.

NAJER FOLKSBLAT

פרייז 15 גראָשען

היינט 8 זייטען

# נייעס פאָלקסבלאַט

№ 17 | Łódź, Wtorek, 20 stycznia 1931 r. | נייַנטער יאָהרגאַנג | לאָדז, דינסטאָג, ב' שבט תרצ"א | № 17

Adres Redakcji i Administracji: Łódź, Piotrkowska 21, tel. 224-71. — אַדרעס פון רעדאַקציע און אַדמיניסטראַציע: לאָדז, פעטריקאָווער 21, טעל. 224-71

# דירה-געלד וועט זיכער געהעכערט ווערן

וואַרשאַ, 19 (טעלעפאָניש פון אונזער קאָרעספּאָנדענט) מען מעלדעט פון זיכערע קוועלען אַז די רעגירונג האָט שוין ענטגילטיג באַשלאָסען צו העכערן דאָס דירה-געלד.

דאָס דירה געלד זאָל געהעכערט ווערען שוין פון אָנהויב פון קומענדיגען קוואַרטאַל ד. ה. פון 1-טען אַפּריל אָן.

## פּרעמיער סלאַווען וועט רעדען וועגען די ווירטשאַפטליכע לאַגע און ענין בריסק

וואַרשאַ, 19 (טעלעפאָניש) עס באַשטעטיגען זיך די קלאַנגען, אַז דער פּרעמיער ס'אַווצס וועט איינגיכען אויף אַ פּלענאַר-זיצונג פון סיים האַלטען אַן עקספּאָזע.

אין זיין עקספּאָזע וועט דער פּרעמיער באַריהרען די רעדעס פון די מיניסטאָרען אין דער בודזשעט קאָמיסיע אין שיכות מיט דער ווירטשאַפט-ליכער לאַגע און וועט פאַרשטעלען פאַר'ן סיים דעם ווירטשאַפטליכען פּלאַן פון דער רעגירונג.

ווי מען שמועסט, זאָל אויך דער פּרעמיער ביי דער געלעגענהייט באַריהרען דעם ענין בריסק.

## דאָס אויסזעהען פון ניאַגאַרא וואַסערפאַל האָט זיך געענדערט

לאָנדאָן, 19 (טו) אין דער פערגאַנגענער נאַכט האָט זיך אויף דעם מיזרח'דיגען ברעג פון ניאַגאַרא - וואַסערפאַל, אויף אַ שטח פון 60 מעטער, אַראָפּגעשיט ריזיגע מאַסען פעלזען-שטיינער, וואָס וועגען טויזענטער טאָן. אויפ'ן ברעג האָט זיך געבילדעט אַ געוואַלדיגע עפענונג. דאָס אויסזעהען פון וואַסערפאַל האָט זיך שטאַרק געענדערט.

## מעמאָריאַל פון לעמבערגער פּראָפעסאָרען צום מלוכה-פּרעזידענט

### וועגען ענין בריסק

וואַרשאַ, 19 (טעלעפאָניש פון אונזער קאָרעספּאָנדענט) אין די ציימונגען איז געווען אַ ידיעה, אַז די פּראָפעסאָרען פון לעמבערגער פּאָלי-טעכניקום האָבען זיך געווענדעט צום מלוכה-פּרעזי-דענט וועגען אַ אויספאָרשונג אין ענין בריסק. די סאַנאַציע-פּרעסע האָט די ידיעה אָפּגעלייקענט.

איצט באַשטעטיגען די לעמבערגער פּראָפעסאָרען נאָכאַמאָל די ידיעה און ערקלערען, אַז זיי האָבען זיך פּערזענליך געווענדעט מיט אַ מעמאָריאַל צום מלוכה-פּרעזידענט וועגען אַדורכפיהרען אַ אויספאָרשונג אין ענין בריסק.

# היינט—ענין בריסק פאַר דער יורידישער סיים-קאָמיסיע

## יוסטיץ-מיניסטער מיכאַלאָווסקי זאָל געבען אַ תשובה

וואַרשא, 19 (טעלעפאָניש פון אונזער קאָ-רעספּאָנדענט). היינט ווערט מיט גרויס שפּאַנונג ערוואַרט די זיצונג פון דער יורידישער קאָמיסיע, אויף וועלכער עס וועט באַטראַכט ווערען די אינ-טערפּעלאַציע וועגען בריסק און די אוקראַאינישע אינטערפּעלאַציע וועגען דער פּאַציפיקאַציע פון מזרח-גאַליציען.

רעפערירען די ביידע פראַגען וועט דעפּ. פּאָס-טאַלסקי.

נעכטען, מאָנטאָג, האָט זיך אַ גאַנצען טאָג ביז שפּעט ביינאַכט שטאַרק געקאָכט אין די סיים-קולואַרען. עס זענען אַרויסגעזאָגט געוואָרען פער-שידענע השערות וועגען דעם גאַנג פון דער זיצונג.

אַ טייל דעפּוטאַטען זענען געווען אין דער מיינונג, אַז אויף דער זיצונג וועט אַרויסטרעטען מיט אַן ענטפער דער יוסטיץ-מיניסטער מיכאַלאָווסקי. עס האָבען זיך אַפילו פערשפּרייט קלאַנגען, אַז אויך פּרעמיער סלאַווען וועט ענטפערען וועגען בריסק. מען שמועסט אויך, אַז דער וויצע-מיניסטער פּיע-ראַצקי זאָל אַרויסטרעטען. דאָס אַלץ איז אָבער נאָר השערות, זיכער איז נאָר, אַז דער יוסטיץ-מיניסטער מיכאַלאָווסקי וועט ענטפערען.

נעכטען האָט דער מלוכה-פּרעזידענט אויפ-גענומען אויף אַן אוידיענץ דעם פּרעמיער סלאַווען און דעם האַנדעלס-מיניסטער פּריסטאָר. ווי מען שמועסט זאָל דאָס אויך שטעהען אין צוזאַמענהאַנג מיט דער היינטיגער זיצונג פון דער יורידישער קאָמיסיע. די רעגירונג איז פּשוט געצוואונגען זיך אַרויסצוזאָגען וועגען ענין בריסק. בעזונדערס אויך צוליב דעם, וואָס אין דער סאַנאַציע אַליין טומעלט זיך מיט בריסק. די גרופּע „פּשעלאָם", וואָס באַ-שטעהט פון 30 מאַן, ווי אויך די קאָנסערוואַטיסטען זענען דערפאַר, אַז דער ענין זאָל אויפגעקלערט ווערען.

פירשט ראַדזיוויל זאָל האָבען אויף אַ זיצונג ערקלערט, אַז עטיש און מאָראַליש זענען די קאָנ-סערוואַטיסטען אין דער פראַגע בריסק אויף דער זייט פון דער אָפּאָזיציע.

—=:0:=—

פּערקויף פון פערשיד. בוים-וואָלענע רעשטלען
פּאַפּעלין, באַטיסט, לייווענד,
מושלין, נאַנסוק א. אַ. וו.
אויף מעטער און אויף וואָג
צו קאָנקורענץ-פּרייזען
מ. לאַנדסבערג
לאָדז, ציגעל גאַס 59, פראָנט, 1. שט.

Wyprowadzenie zwłok nieodżałowanego, przedwcześnie zgasłego

**ś. p. Georges Rebotier**

**Dyrektora firmy UNION TEXTILE Sp. Akc.**

odbędzie się w środę, 21 stycznia, o godz. 14.15 z mieszkania zmarłego przy ulicy Wólczańskiej 23.

**Dyrekcja „UNION TEXTILE" Sp. Akc.**

W dniu 18 stycznia r. b. rozstał się z tym światem

**ś. p. Georges Rebotier**

**Dyrektor „UNION TEXTILE" Sp. Akc., reprezentującej fabryki przędzy i tkanin sztucznych Chodaków Sp. Akc.**

W Zmarłym tracimy nieodżałowanego współpracownika nie szczędzącego sił dla naszego przedsiębiorstwa, to też pamięć o Nim zachowamy na zawsze.

**Fabryka Przędzy i Tkanin Sztucznych**
**Chodaków Sp. Akc.**

